STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03349

BERDITSHEVER SREYFES

Sholem Aleichem

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יודישע ליטעראטור

שלום-עליכם.

בערדיטשעווער שרפות

בערדיטשעווער גזלנים.

HEBREW PUBLISHING COMPANY

50-52 Eldridge St., New York.

1916

זשול ווערן'ס געוועהלטע ווערק

אין 8 דיקע פראכטפאלע בענדער

זשול ווערן איז בעריהמט אלס אינטערעסאנטער און וויסענשאפטליכער ערצעהלער, ווייל אין זיינע ראמאנען און ערצעהלונגען מאכט ער דעם לעזער בעקאנט מיט פאקטען פון דער וויסענשאפטליכער וועלט, און ערהאבענע בילדער פון א שעהנע צוקונפט ווען די מענשהייט וועט ערדייכען א העכערע שטופע פון ציוויליזאציאן און בילדונג, שטעלט ער איהם פאר.

זשול ווערן'ס רייזע בעשרייבונגען, וועלכע מאכען בעקאנט דעם לעזער מיט פערשיעדענע לענדער און פעלקער, ווי אויך מיט פערשיעדענע ים־ברואים און ים־ערשיינונגען האבען בעגייסטערט די גאנצע לעזענדע וועלט.

זשול ווערן איז געווארען גרויס און בעריהמט דאדורך וואס ער ענטדעקט פאר'ן לעזער אין זיינע ערצעהלונגען די אוצרות פון דער גייעסטע וויסענשאפט גאנץ לייכט אהן שוועריגקייט, בלויז פארבייגעהענדיג, ער דערצעהלט איהם אן אינטערעסאנטע און שפאנענדע ערצעהלונג פון וועלכע ער קען זיך ניט אפרייסען לעזענדיג, און אין דערזעלבער צייט מאכט ער איהם אויך בעקאנט מיט די נייעסטע וויסענשאפטליכע ענטדעקונגען.

זשול ווערן'ס ווערק זיינען איבערזעצט געווארען אין אלע אייראפעאישע שפראכען און זיינען ביי אלע ציוויליזירטע פעלקער מיט גרויס בייפאל אנגענומען געווארען.

זשול ווערן'ס געוועהלטע ווערק

וועלכע מיר האבען יעצט ארויסגעגעבען, זיינען די בעסטע וועלכע ער האט געשריעבען, זיי ענטהאלטען צוזאמען ביינאהע

4000 פיידזשעס

גערדוקט אויף דעם בעסטען פאפיער און שעהן געבונדען אין קלאטה־באנד.

פרייז בלויז $7.50

(פארטא פריי).

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

בערדיטשעווער שרפות.

געלינען אויף דער סטאנציע אין „האטעל טערקאליא“— האב איך א גאנצע נאכט געהאט מלחמה מיט די וואנצען, וואס האבען מיר בעפאלען, זיך נוקם געווען אין מיר, דערפאר וואס איך האב ניט געוואלט זיך ליינען מיט זיי אין בעט און האב זיך אויסגעבעט אויף דער קאנאפע.

— וואס האסט דו גע'פועל'ט?—האבען זיי זיך מיט מיר גערייצט — אי מיר וועלען דיר בייסען, אי עס וועט דיר זיין הארט צו קאפענס, וועסט אויפ'שטעהן פון דער קאנאפע אהן א האלז און אקען...

פלוצים דערהער איך א משונה טאָרנעם קלונג: באם! באם!! באם!!! און תיכף נאך דעם לאָזט זיך הערען א לויפעריי פון מענשען מיט א קול: „עס נעצט! עס נעצט!“ ... איך שטעה אויף און געה צו צום פענסטער: איין האלבער הימעל איז רויט וויא א פייער; די אנדערע האלבע איז חשך! איין האלבע שטאדט איז משונה מאָדנע בעלויכטען, דיא אנדערע האלבע שטאדט איז פערזונקען אין א מורא'דיגע פינסטערניש. איך חאפ אויף זיך דאס אָנטהון און לויף ארויס אין דרויסען. עס לאָזט זיך הערען פון דער ווייטען א מאָדנע געשריי, א הילך אָהן ווערטער, און מענשען ציהען זיך אהינצו שלעפעריג, געהען און גענעצען און ציטערען פאר קעלט, און דערצעהלען איינער דעם אנדערען נסים ונפלאות, ווער עס האט פריהער דערהערט, און זיינען זיך

משער איטליכער בעזונדער, ווער דאס ברענט. דער זאגט: „ס׳איז יוסיל״ דער זאגט: „ס׳איז משה״, דער זאגט: „ס׳איז ניט יוסיל און ניט משה, ס׳איז גאר שרה זיסיל.״

—ווי קומט אהער שרה זיסיל?—שפארט איהם איבער נאך איינער—אז שרה זיסיל׳ס שטוב איז אויף דער יארדינע, און דאס איז גאר אויף דער אלטער שטאדט?

—ס׳איז אזוי אויף דער אלטער שטאדט, ווי איך בין א רביצין!

—ענטפערט איהם נאך איינער—זעהסט ניט אז ס׳איז נעבען דער באד?

—שא, וואס דארפט איהר זיך שפארען?—גלייכט זיי אויס נאך איינער—אמעהר קומט אהין, וועלען מיר וויסען אקוראט.

זיי געהען און איך געה זיך נאך און הער מיך צו וואס מע רעדט.

—עמיצער האט שוין דא געמאכט „בורי מאורי האש.״

—וואס איז די ראיה?

—מחמת ס׳איז געסטראכירט.

—פון וואנען ווייסט דו?

וואס דען? ס׳זאל ניט זיין געסטראכירט וואלט ניט געברענט. א שטוב ברענט ניט פון זיך אליין...

—וואס זאגסט דו, יענקיל, ווי שען עס ברענט. מחיה נפשות! ווי א הבדלה ברענט א שטיבעל, ווארפט ארויס עטליכע שטארק רויטע צינגען. דער דאך איז שוין ניטא; עס קנאקען די קראקוועס, עס טרישטשען די פענסטער, און א געדיכטער רויך מיט שווארצע קנוילען קויקעלט זיך און ציהט זיך ווייט ווייט, איבער הייזער און הייך ליך. עס הערט זיך א קול פון ווייבער, וואס בעקלאגען זיך אויף דעם שלאק וואס זיי האט געטראפען אין מיטען האלבע נאכט, און א גע־וויין פון קליינע נאקעטע קינדער, וואס ציטערען און ווארעמען זיך ביים פייער. דארט זיצט א גאנץ געזינדיל אויף אין איבערבעט מיט עט־ליכע קישענס, וואס זיי האבען קוים ארויסגעראטעוועט פון דער שרפה. און דא שטעהט א יודענע א מעוברת׳ע מיט א טעפיל אין האנד און

מיט א פלעדערוויש און דערצעהלט דער אנדערער יודינע, ווי אזוי עס האָט זיך אָנגעהויבען.

—אָנגעהויבען האָט זיך עס אָנגעהויבען, וועה איז מיר פון שמעון דעם סטאָליר . . . מע איז נעגאַנגען אָפּנים מיט א לעמפּיל, וויסט איז מיר, ביי נאכט . . . סטרוזשקעס איז פאַראַן א סך, פינסטער איז מיר, און אפשר א שוועבעלע, אָדער א פּאַפּיראָס, און אפשר האט דאס דער בעל הבית אַליין גדליה מיין איך געטהון, וויים איך ניט; איך בין דערביי ניט געווען . . . נאָר דערווייל זענען נעביך, אוי איז מיר, אָרימע לייט בדול־הדל געוואָרען, ארויס אזוי ווי די מאמע האָט זיי געהאַט, וועה איז מיר . . . פרעגט מיך בחרם וואָס טראָג איך עפּיס א טעפּיל מיט א פלעדערוויש, וויים איך אַליין ניט . . .

—אוי איין אומגליק!? אוי א שלאק!? וויינט א ווייביל מיט א נגון פון אקדמות און ברעכט די הענד—וואָס וועל איך איצטער טהון, נישט ארויסגעראַטעוועט אפילו קיין פאָדעם, וואו וועל איך נעמען א טאָג איבערצוקומען? וואו וועל איך מיך אהינטהון מיט מיינע קליינע קינדער ? ? ? . . .

ווי שדים, ווי רוחות לויפען ארויס און אריין יונגעלייט פונ׳ם נעברענטען שטיביל, שפרונגען אין פייער אריין, ראטעווען וואס זיי קע־נען, חאפען ארויס פון דאָרטען דער א פיסיל פון א ביינקיל, דער איין אומרוה פון א זייגער, דער א בעזעם.

—וואו איז ערגיץ אלי מיט דער קישקע?—שרייט איינער פון די חברה לעשערים און קוקט זיך ארום אויף אלע זייטען.

—איך בין דא, איך בין דאָ!—רופט זיך אָן אלי א קליין יודיל און באַבערט זיך ביי דער קישקע.

—וואס טהוסט דו דאָרטען? וואס באַבערסט דו זיך אזוי לאנג?

—איך פערנייי די קישקע, זי האָט זיך צוטרענט!—זאגט אלי.

—וואו איז ערגיץ פישיל מיט די עמער? — שרייט איינער א

שווארצער יוד מיט א צופליקטען טלית קטן, מיט א פערדרייבערט פנים און מיט א הייזעריג קול.

—פישיל מיט די עמער!!—העלפט איהם שרייען נאך איינער.

—פישילו פישילו! העלפען איהם שרייען אלע איבעריגע.

—וואס פישילט איהר?—רופט זיך אן איינער, א פנים פישיל אליין טאקי,—זעה נאר ווי זיי האבען זיך דאס אביסיל צו פישעלט! פישיל-פישילו פישיל-פישילו

—וואו זענען די עמער דיינע?—פרעגט מען איהם.

—די עמער זענען דא—זאגט פישיל—נאר וואס ווער איהר מאכען מיט זיי, אז ס'איז נאך נישטא גרונם מיט'ן פעסילו?

—טאמיר וואלסט דו זיך מטריח געווען, פישיל, דערוויילע האפען ערגיץ א פאר עמער וואסער צווישען די שכנים?

—וואס איז עפיס איך?—זאגט פישיל—לאז געהן אליין

—אלין האב איין עמער און טהו א שפרונג נאך וואסער.

—ווי קען איך? זעהסט דאך אז איך בין פערנומען מיט דער קישקע, לאז געהן מאטיל.

—מאטילו געה קריג ערגיץ איין עמער וואסער.

—וואהין זאל איך געהן, אז איך קען דא קיינעם ניט?

—לאז געהן אנשילו אנשילו! אנו טהו נאר א לאף נאך וואסער.

—איך? איך וויים ניט וואו א טהיר עפענט זיך אפילו!

—לאז געהן דודו שא, שא! אן פאהרט גרונם מיט'ן פעסילו ער פאהרט! ער פאהרט!—און אלע טהוען זיך א ווארף צו גרונם'ן נאך וואסער, און פריהער פון אלעמען אלי מיט דער קישקע.

גרונם, א יוד מיט א גלאנצענדיג פנים וואס סע שיילט זיך, נעהמט זיך גאנץ רוהיג, נישט נעהאפט, די פאלעס אונטערגעשטעקט ארונטער, און נאך איהם שלעפט זיך נאך איין איינגעדארט פערדיל, קוים וואס סע שלעפט די פיס פון דער בלאטע. ביידע, אי גרונם, אי דאס פערדיל להבדיל, זענען שטארק פערשלאפען.

—ברוך הבא א יוד! און מיר האָבען געמיינט אַז איהר וועט שוין היינט ניט זיין חלילה.

—א שענע מעשה נאָר א קורצע!—זאָגט גרונם—ווער דען וועט זיין אַז ניט איך? איך האָב דערהערט דעם ערשטען קלינג בין איך שוין געווען ביים פערדיל. מיין אַלטע האָט מיך אפילו געוואָלט אָב־האַלטען: וואָס וועסט דו זיך שלעפּען, זאָגט זי, אין אזא בלאָטע? א רחמנות נעביך, זאָגט זי אויפ'ן פערדיל, ס'איז אויסגעמוטשעט פונ'ם טאָג... נאָר ווער האָרכט זי ווער? איך האָב ליעב א מצוה, ובפרט נאָך דאָרט וואו עס געהט אין דעם נפש, אָרימע ליים נעביך ברענגען א קליינינקייט!

—לאַנג לעבען זאָלט איהר, רב גרונם! מיר געהען דאָ אויפ פאַר אביסיל וואסער, ביי אַלע שכנים נישטאָ א לעקן

און די חברה לעשערס טהוען זיך א לאָז מיט די ליידיגע עמער צום פעסיל און פריהער פון אַלע אלי מיט דער קישקע. חברה נעמען זיך אָנפּאָמפּען וואסער—עס פּאָמפּעט זיך ניט! מע וויל אָנצאַפּען אין די עמער אריין—עס צאַפּט זיך ניט!

—וואָס איז דאָס, רב גרונם? איהר זענט משונע, צו חסר דעה? איהר זענט געקומען מיט א ליידיג פעסיל!

—וואס הייסט מיט א ליידיג פעסיל?—זאָגט גרונם—א פול פעסיל ווי איין אויג, זאָגט איהר נאָר דאָס!

—געהט זעהט—רופט זיך אָן איינער—דאָס פעסיל איז ליידיג ווי א בּאַראַבאַן!

—וואס הייסט ס'איז ליידיג?—זאָגט גרונם און בעטראַכט דאס פעסיל,—עפּיס רעדט איהר מיר פדרוך, תרגום לשון! נאַ דיר נאָר ליידיג! לאָז מיינע שונאים זיין ליידיג אין בויך און אין די קישקעס!

און גרונם קלינגט מיט'ן פינגער אין פעסיל אריין, דרעהט זיך ארום פון אַלע זייטען און דערזעהט אַז ס'איז אָהן א צאַפּען.

יאָ ווי איך בין אַ יוד, אַ ליידיג פעסיל! — און ער האַפּט זיך בײם קאָפּ און הויבט אָן צו שעלטען מע ווײס ניט וועמען.

—אחלירעו! אַ מיתה־משונה! איין אויסלויפעניש! איין אײנטריקעניש! איין אײנשרימפעניש! ווען האָט נעקענט ארויס דער צאַפּען, אײנגעזונקען זאָל ער ווערען! און וואו איז ער אהינגעקומען? אַ, ברענען זאָלסט דו, שלים־מזל, אויפ׳ן פייער!

און גרונם לאָזט אויס זיין גאַנץ ביטער הארץ צום פערדיל נעביך, דערלאַנגט דעם אַ רוק מיט׳ן בייטש־שטעקיל אין זייט אריין, דאס פערדיל טהוט אַ פינטיל מיט די אויגען, לאָזט אראָב די מאָרדע, קוקט אָן אַ זייט און טראַכט זיך: „פאַר וואס קומט מיר אַ שטיינער אָט דער זעץ? גלאַט גענומען און געבוכעט זיך! ס׳איז ניט קיין קונץ נעמען אַ פערד, אַ שטומע צונג, און שלאָגען איהם אומזיסט און אומנישט!“ . . .

—האָב דיר אכציג שווארצע פינסטערע וויסטע יאהרן!—זאָגט גרונם צו זיך אליין — איך זעה וואס דאס איז: איך גיס, און גיס און גיס! . . . אצינד פערשטעה איך שוין: דאס פעסיל איז אַפּנים פון דער לכתחילה געווען אָהן אַ צאַפּען? קומען זאָל אויף דיר אַ פּאָהיבעל היינטיגע נאַכט, זאָלסט צופאַלען ווערען אויף שטיקליך, רבונו של עולם!

—וואַסער! וואַסער!—שרייען די וואס ראַטעווען פון דער שריפה

—ניכער! ניכער! טראָגט אהער די עמער! דאָס וואַסער!

—וואַסערע עמער? וואַסער וואַסער?—ענטפערען זיי די לעשערס—איהר זעהט דאָך אַז ס׳איז ניטאָ קיין טראָפּען וואַסער!

—וואס הייסט ס׳איז נישטאָ קיין וואַסער?

—ניטאָ קיין וואַסער הייסט אַז ס׳איז ניטאָ קיין וואַסער.

—וואו איז אהינגעקומען דאס וואַסער?

—אויסגעלאָפען ביי גרונס׳ן דאס גאַנצע פעסיל וואַסער!

—וואַס הייסט ס׳איז אויסגעלאָפען דאס גאַנצע פעסיל וואַסער?

—אָט דאָס הייסט ס'איז אויסגעלאָפען דאָס גאנצע פּעסיל וואַסער און געה שריי חי־וקים!...

פלוצים לאָזט זיך הערען ווידער אַמאָל יענער מאָדנער קלונג: באָם! באָם!! באָם!!! און עס ווערט בעלייכט די אַנדערע האַל־בע שטאָדט.

—נאָך א שרפה! אויף דער נייער שטאָדט!!—שרייען עטליכע קולות מיט אַמאָל און דער גאנצער עולם מיט דער חברה לעשערס לאָזען זיך לויפען אויף דער נייער שטאָדט.

—צוויי שרפות אין איין נאַכט — זאגט גרונם צו זיך אליין— בין איך שוין ניט מחויב! איך האָב אליין א ווייב מיט קינדער! קיין געצאָהלט דערפאַר נעם איך דאָך ניט; וויל איך — פיהר איך, וויל איך ניט—פיהר איך ניט! און דאָס פערדיל איז אויך ניט פון אייזען; א צער־בעלי־חיים; עס האָרעוועט זיך נעביך אָן גענוג דורכ'ן טאג, בעדאַרף עס נאָך ארומשלעפען זיך גאנצע נעכט! עס האָט מעהר ניט וואס צו טהון!... מע וועט מיך ניט נויטען פון קהל!... לאָזען זיי זיך שלאָגען קאָפּ אָן וואנט!... קום, ברודער,—זאגט ער צום פערדיל—לאָמער פאָהרען אהיים.

VII.

בערדיטשעווער גזלנים.

געקומען אהיים פון די שרפות שוין פארטאָגליך און אויפגעעפענט די טהיר פון מיין חדר בין איך נבהל ונשתומם געוואָרען: איך האב דערזעהן דריי מאָדנע פארשוינען, נישט קיין בעקאַנטע פנים׳ער, דרעהען זיך ארום מיט א ליכט; דאס בעט איז צעוואָרפען, די שאפע איז אָפען, מיין טשעמאָדאנטשיק ליגט אין מיטען שטוב, און מיינע פאפירען, מיינע כתבים וואלגערין זיך אויף דער ערד.

—וואס איז דאס? ווער זענט איהר? וואס טהוט איהר דאָ?— טהו איך א פרעג ביי איינעם, א יודען מיט א רויטע באָרד און מיט א בלויע בראָדיווקע אויף דער נאָז.

—זייט איהם א סעמער לאָז איהם סארוי די נמשה!—רופט זיך אָן איינער אויף א משונה מאָדנע לשון צום רויטען מיט די בלויע בראָדיווקע.

דער רויטער ענטפערט ניט דאס אנדערע וואָרט; ער פערשליסט די טהיר, בייגט זיך אָן און שלעפט ארויס פונ׳ם שטיוועל א גרויסען א שארפען קאָלאָדאטשמעסער, און טהוט א מאך מיט׳ן מעסער מיר איבער׳ן פנים הין און צוריק, ארויף און אראָב, ווי א כשופמאכער

—ווער מיר זענען? מיר זענען די היגע גזלנים!—רופט זיך אָן צו

מיר איינער פון די חברה, א שווארצער יוד מיט א בולמע אויף איין אויג, און בשעת ער רעדט אוים דאס ווארט „גזלנים“ טהוט ער מיט'ן געזונדען אויג א מורא'דיגען גלאנץ און א קריץ מיט די צייהן, ווי א רוצח.

—„טהו איהם א לייסטער ביי די שעקעניש“!—רופט זיך אן יענער אויף זייער איבערגעקעהרטע שפראך.

—דענגי! דאוואי דענגי!—שרייט אוים דער דריטער פון דער חברה, א הויכער יוד מיט א הייזעריג קול, און חאפט מיך אן ביי דער לאץ פון דער קאפאטע און טרייסעלט מיך ווי א לולב.

—געלד—זאג איך — ווילט איהר? ביי מיר ווילט איהר נעמען געלד? ווי קום איך צו געלד? גאט האט מיך אויסגעהיט פון געלד!

—„גאז איהם אז ער גיילט!“—רופט זיך אן יענער אלץ אויף זייער לשון.

—דו לייגסט!—מאכט צו מיר דער וואס מיט דער בולמע—די מינוט זאלסט דו אפגעבען דאס גאנצע געלד וואס דו האסט, א ניט—געזעגען זיך אב מיט'ן לעבען! מיר שענקען דיר צוויי מינוט אויף צו בעטראכטען זיך און איין מינוט אויף זאגען ודוי . . .

און בכדי איך זאל ניט מיינען, אז מע טרייבט מיט מיר קא־מאוועס, נעהם צו צו מיר דער רויטער וואס מיט דער בראדיווקע און בעוויזט מיר מיט'ן מעסער ארויף און אראב, אהין אהער, עט־ליכע מאל, ווי מע מאכט מיט'ן לולב סכות צו הלל.

—„וואס טעהשט איהר ווי די מיילענע לויגימס? לאז מען איהם ניבדען די טהען מיט די סיפו!“—רופט זיך אן דער הייזעריגער אויף זייער פערשטעלטע שפראך, און לאזט אוים אויף אונזער לשון:

—וואו זעגען ערגיץ די שטריק? לאז מען איהם בינדען!

—למאי זאלט איהר זיך מטריח זיין?—זאג איך—א מעהר. גאט איך אב מיין גאנץ פערמעגען, דאס ביימעלי מיט די עטליכע קערבליך, און לאזט מיך אב, וואס האט איהר צו מיר? איך בין א טאטע פון

קינדער, קיין עין הרע פיער מיידליך מיט צוויי יונגליך, דאס קלענסטע איז נאך נישט אלט קיין חודש...

אלע דריי באנדיטען רעדען זיך איבער איינער מיט'ן אנדערן אויף זייער גנבה'ש לשון, צעהלען איבער די עטליכע קערבליך וואס ביי מיר אין ביימעלי און נעמען מיך אויפ'ן צימבעל. זיי פרעגען מיך, און איך ענטפער זיי.

—פון וואנען איז א יוד?

—פון יעהופעץ.

—מה שמכם?

—שלום עליכם.

—עליכם שלום. ווי אזוי איז אייער נאמען?

—שלום עליכם.

—עליכם שלום. מיר פרעגען אייך ווי אזוי רופט מען אייך?

—שלום עליכם; אזוי רופט מען מיך טאקי.

—א טשודנער נאמען! וואס איז אייער טהועכץ?

—איך בין א שרייבער.

—מע שמועסט וואס איז אייער טהועכץ? אייער פרנסה?

—איך בין א שרייבער.

—וואס זשע שרייבט איהר? „פראשעניעס? פאפירען? מסירות?"

—פעליטאנען, מעשה ביכלעך פאר יודישע קינדער.

—זענט איהר הייסט דאס א מוכר ספרים'ניק? א „בעל מחבר"?

—א מחבר.

—וואס זשע טהוט איהר היע?

—נעקומען אנקוקען בערדיטשעוו.

—און מעהר גארנישט?

—מעהר נאר נישט.

—קיין שום געשעפט?

—קיין שום געשעפט.

—און ליינט הוצאות?

—און לייג הוצאות.

—צו וואס נוצט דאָס אייך?

—בכדי איך זאָל האָבען וואָס צו בעשרייבען.

—וואָהין שרייבען?

—אין די גאזעטין.

—וואָסערע גאזעטין?

—יודישע גאזעטין.

—פאראָן יודישע גאזעטין?

—ווי דען?

—וואס טהוען זיי?

—זיי דרוקען זיך.

—וואו דרוקען זיי זיך?

—אין ווארשא.

—אויף וואס דארף מען זיי?

—אויף צו לייענען.

—ווער לייענט זיי?

—יודען.

—עמיצער צאָהלט אייך עפּיס דערפאַר וואס איהר שרייבט?

—געוויינטליך.

—אָט אזוי זשע רעדט! וואס א שמיינער האָט איהר דערפון? וויפיעל פערדינט איהר א וואָך?... איהר רויבערט? וואו זענען אייערע פּאַפּיראָסען?

איך נעם ארויס מיין פּאַפּיראָסקאַסטען און טראָג זיי אונטער אלעמען זיי זאָלען זיך נעמען צו פּאַפּיראָסען.

—„גרעף איהם צי ס'איז פון ביזלער"...—רופט זיך אָן איינער אויף זייער שפּראַך.

—א זילבערנער? מאַכט צו מיר דער וואס מיט דער בולמע און

וענם דעם פאפיראָסקאסטען אויף דער האנד—א זילבערנער, צי א פראָסטער חי וקים?

—א פראָסטער שלש סעודות פון צוויי גילדען! — זאג איך און מיר פערדרויכערען אלע צו פאפיראָסען.

—„טהו איהם א פאט ביים גייזערן!"—רופט זיך אַן איינער אויף גנבת'ש לשון

—וואו איז אייער זייגער? — מאכט צו מיר דער וואָס מיט דער בולמע און בעזוכט מיר אלע קעשענים. —איהר האָט גאָר נישט קיין זייגער?

—איך האב—זאָג איך—א זייגער, און דוקא א גוטען זייגער, א גילדענעם, איז ער פערזעצט אין לאָמבארד אין יעהופעץ...

—איין עבירה!—זאָגט דער הייזעריקער—ער וואָלט אונז שטארק צו נוץ געקומען אצינד!... מיר דארפען טאקי איצט א גילדענעם זייגער ווי אין לעבען אריין!

—אויף וואס דארפט איהר דאָס אזוי—זאג איך—א גילדענעם זייגער?

—א גילדענעם זייגער—זאגט ער—קאָן מען פערקויפען און אָב־לייזען גוטע געלדו

—„פאחט איהם דער טאוועגמאכערו" רופט זיך אַן איינער אויף זייער לשון—„ער איז א אָרענאם גלייך מיט אונזו"

—א גוטע נאכט! — מאכען צו מיר די באנדיטען און לאָזען זיך געהן—דאס אנדערע מאָל, אז איהר נעהמט אוועק זאָלט איהר פערשלי־סען די טהיר, נישט פערלאָזען זיך אויפ'ן אויבערשטענס נסים און אויפ'ן יושר פון באדריפּעָטשער גנבים... האָט קיין פאראיבעל ניט וואס מיר האָבען אייך אפשר דערקוטשעט.

—אדרבה! — זאג איך — האָט איהר קיין פאראיבעל ניט וואס אזוי וויניג... און איך וויל זיי ארויסבעגלייטען אויף יענער זייט

מהיר, רופט זיך אָן צו מיר דער הייזערינער, לייגט צו א פינגער צום מויל און ציהט אויס מיט'ן נגון פון „קאָלדוניע“:

—פתח שין—שאַ אַ אַ אַ אַ אַ!

און דער דריטער וואס מיט דער בראָדיווקע נעמט ארויס דאס מעסער און טהוט א מאַך מיט דעם איבערן קאָפּ עטליכע מאָל, ווי איינער רעדט: „טאָמער טהוסט חלילה איין פּיפּס, איז דיין לעבען קיין לעבען נים"!...

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

—גוואלד! גוואלד! גוואלד! יודען, ראטעוועט! האָב איך מיך צעשריגען נים מיט מיין קול, ווי באלד די באנדיטען זענען אוועק, און איך האָב אויפגעוועקט די גאנצע שטוב. מע איז זיך צענויפגעלאָפען פונ'ם גאנצען האָטעל. ווייבער זענען אראָבגעשפּרונגען פון די בעד־טען אין אינטערשטע קליידליך, און מאנסבילן—מחילה אין איינע תחתונים. מע האט געמיינט, אז עס ברענט.

—ווידער א שרפה?

—ווידער געברענט?

—וואו ברענט?

—ווער ברענט?

—שאַ! שאַ! קיינער ברענט נים! — איז ארויס נח דער שווייצאר מיט זיין שפּראַך און רופט זיך אָן צו מיר:

—וואס האט איהר זיך למשל צעשריגען ווי א משוגען קעל־בעל? וואָס גוואלדעוועט איהר ווי אין א מאנהויז? איהר וועט חלילה אויפוועקען אלע „אקטעיורען“!

—גזלנים!—זאָג איך—רוצחים! באנדיטען זענען מיך בעפאלען גאָר וואָס און מיך בענומען!

דערהערט „גזלנים“ פאלט אָן אויפ'ן גאנצען עולם א פּחד

און עס ווערט א ליארעם, א גערעדעריי פון אלע מיט אמאל:

—גזלנים?...

—וויפיל גזלנים?...

—דריי גזלנים?...

—וואס פאר א פנים האבען זיי?

—צוויי יונגע איינער איין אלטער?

—געגאנגען מיט מעסערס?...

—למאי האט איהר געשוויגען?

—איהר האט מורא געהאט שרייען?

—נאט אייך גזלנים! נאט זאל שומר־ומציל זיין!...

—געכטען געווען אינ'ם אנדערען הויף אויך גזלנים... געשטיקט א יודענע, ארויסגעטראגען די קריגליך, געפונען איין אייזען...

—מסוכן איבערבלייבען איינער אליין אין שטוב...

—מע וועט שוין באלד דארפען אנטלויפען פון באדריטשעוו...

—נא דיר נאר גזלנים טאמער איז קארג!...

—חאפט זיי! חאפט זיי! חאפט זיי!—הערט זיך פלוצים פון דרויסען א קול פון א נקבה און א געלויף מיט א קלאפעריי פון עפיס אסך־אסך מענשען—חאפט זיי! חאפט זיי! געחאפט?

—איינעם געחאפט... צוויי געחאפט...

—בינדט זיי!... חאפט שוין דעם דריטען אויך!... בינדט איהם! בינדט איהם!...

—פאוואלי, הינדע, נים פאר'ן קאפ. פאר די פיס! פאר די פיס!...

—זעלדע גיב מיר דיין פעטשיילע, זעלדע!

—א? איהר הארכט? מע האט זיי געחאפט!—רופט זיך אן צו אונז נח דער שווייצער און לאזט זיך לויפען מיט א לאנטערן אין דרויסען ארויס, און מיר אלע נאך איהם.

—נו וואס הערט זיך? שרייט נח אין דער פינסטער, אהין פון וואנען עס געהען די קולות—שוין געחאפט?

—געחאפּט, געחאַפּט!—ענטפערט איהם א קול פון א נקבה אין דער פינסטער.

—און געבונדען?

—געבונדען, געבונדען!

—אלע דריי?

—אלע דריי, אלע דריי!

—אנו לאָמיר זיי האַטש אָנקוקען, וואס פאַר א פּנים זיי האָבען?—מאַכט נח און רופט מיט זיך דעם גאנצען עולם און מיר געהען צו נאָהינט מיט דער לאַנטערנע צו די געחאַפּטע גזלנים, און מיר דערזעהען אויף דער ערד ליגען דריי געפּענטעטע... אינדיקעס!

די אינדיקעס האבען אראָבגעלאָזט די בלויע סנאָבלען, בלאָזען מיט די נעזער און בלונצעלען מיט די אייגעליך אויף דער שיין פון אונזער לאַנטערען און די ווייבער, האלב נאַקעטע, דערצעהלען אונז נסים ונפלאות, ווי אזוי די אינדיקעס זענען ארוים פון שטייג, מע ווייסט ניט ווי אזוי: צו גנבים, צו א טחער איז דורכגעלאָפען און האָט זיי איבערגעשראָקען, נאַר דאנקען גאָט וואָס מע האָט זיי געחאַפּט, א ניט וואָלט געוועזן חלילה א היזק פון מי יודע וויפיל!...

—טפו זאָלט איהר ווערען, באדריפּעטשער קורעלאַפּניצעס! — זאגט נח און בטל'ט אוים אויף זיי אלע בייזע וויסטע חלומות—א רוח אין אייערע אינדיטשקעס געגנז קאַטשקעס פלעדערווישען אריין!...

און נח דער שווייצאר הערט נישט אויף צו שיטען מיט זיינע געקליבענע, שאַרפע, פערשפּיצעלטע ווערטער, און דער עולם הויבט אָן ביסלעכווייז זיך צעגעהן, מיט א געניץ, איטליכער אין זיין רוה אריין.

איך בלייב שטעהן איינער אליין אין מיטען דער בלאָטע פערטומעלט פון דער נאַכט מיט איהרע פּחדים און מיט איהרע בהלות א נאַסע קעלט נעמט דורך מיין לייב דורך און דורך. ערטערווייז בעווייזט זיך א פייעריל אין די פענסטער, פון א פּאָר קוימענס ציהט זיך א בלוי רויכעל. פון איין זייט הימעל בעווייזט זיך א העלער פּאַס

פון עטליכע ערטער הערט זיך א קרייען פון העהנער, וואס שטעלען אן ווייטע העלזער און שרייען אויף אלערליי קולות אין פערשיעדענע נוסחאות: קאו—קא—רו—קאו—או—ו!...

עס שאריעט אויף טאג.

די

נייע אידישע שול

— פון —

י. לעווין

אַ לעהרבוך פיר אידיש־אָנפאַנגער צו לערנען לעזען און שרייבען אידיש, מיט צייכנונגען און בילדער. ענטהאַלט אויך שעהנע ערצעהלונגען, מעשה'לאַך און פאָלקס־ליעדער.

דיזער לעהרבוך איז ארויסגעגעבען געוואָרען פיר דעם צוועק צו לערנען אמעריקאַנער אידישע קינדער אונזער אידישען מאַמע־לשון, אום זיי זאָלען זיך קענען צוזאַמענרעדען און צוזאַמענשרייבען מיט דעם גרעסטען טייל פון אידישען פאָלק, וועלכע האָבען געמאַכט אידיש פיר זייער פאָלקס־שפּראַך.

דיזער אידישער לעהרבוך איז אַזוי איינפאַך, דאָס ניט נאָר לעהרער, נאָר אויך יעדער פאָטער און מוטער, וואָס קען אידיש, קען זיך מיט איהם בענוצען אויסצולערנען זייערע קינדער אין אַ קורצע צייט צו קענען לעזען, שרייבען און אויסלייגען אידיש.

דיזער לעהרבוך איז אויך גוט פיר דערוואַקסענע, וועלכע ווילען קענען ריכטיג שרייבען אידיש אָהן גרייזען, ווייל אין דיזען לעהרבוך ווערט דורכגעפיהרט אַלע גראַמאַטישע כללים פון דער אידישער שפּראַך, וועלכע זיינען לעצטענס אָנגענומען געוואָרען פון אַלע, וועלכע אינטערעסירען זיך מיט דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

די „נייע אידישע שול" איז געדרוקט אויף גוטען פּאַפּיר און פיין געבונדען.

פּרייז 40 סענט

HEBREW PUBLISHING CO., 50-52 ELDRIDGE ST., NEW YORK

עס איז ענדליך ערשיענען

אַ פאָלשטענדיגע וועלט־געשיכטע

אין 12 גרויסע פּראַכטפאָלע בענדער מיט אילוסטראַציאָנען

בעאַרבייטעט אין אידיש פון

א. א. ראָזענבערג

אונטער די רעדאַקציאָן פון

אלכסנדר האַרקאַווי

צעהן יאהר שווערע ארבייט און פינף־און־צוואנציג טויזענד דאָלער האט געקאָסט דאס פערטיג צו ברענגען.

פערלאַנגט אַ פרייען פּראָספּעקטוס פון אייער בוכהענדלער אָדער דירעקט פון אונז.

Hebrew Publishing Company
50-52 ELDRIDGE STREET
NEW YORK